בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ל"ב

פרשת לך לך
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִנּוּךְ

דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

• 'אֲסִיפַת הוֹרִים'

### מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף עֶנְדִיגְן מִיר צוּ דֶעם שִׁיעוּר וָואס דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.

אַזוֹי וִוי דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בֶּעפָאר דִי 'אֲסִיפַת הַהוֹרִים' אִין שׁוּלֶע, הָאט דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט בַּיי דֶעם שִׁיעוּר עֶטְלִיכֶע הוֹרָאוֹת וָואס אִיז נוֹגֵעַ בַּיים 'אֲסִיפַת הַהוֹרִים'.

### דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ גֶעכַאפְּט מִיט מַיין גוּטֶע נְקוּדָה!

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ עֶלְטֶערְן, בִּפְרַט אַז מֶען ווִיל עֶפֶּעס אָנְמֶערְקְן אוּן בֶּעטְן הִילְף פוּן זֵיי, דַארְף מֶען קוֹדֶם אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע נְקוּדָה וָואס דֶער קִינְד אִיז סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט דֶערְמִיט. מֶען קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְּרָאבְּלֶעם, דָאס קֶען נִישְׁט זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע וָוארְט.

מֶען דַארְף אוֹיפְזוּכְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע נְקוּדָה אוֹיפְ'ן קִינְד מִיט וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר ווּאוֹיל אוּן זֵייעֶר אַ טֵייעֶר קִינְד, עֶס זָאל זַיין אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאךְ מִיט וָואס דֶער קִינְד אִיז מַמָּשׁ אַ חִידוּשׁ אַנְטְקֶעגְן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַז דֶער קִינְד הָאט מוֹרָא'דִיגֶע גוּטֶע מִדּוֹת, עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם, אָדֶער עֶר עֶסְט זֵייעֶר אֵיידְל; אַפִילוּ אֵיין נְקוּדָה אִיז אוֹיךְ גֶענוּג.

אַן עֶלְטֶערֶער אִיד דֶערְצֵיילְט, אַלְס קִינְד בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוער קִינְד, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן מִיט מִיר, מֶען הָאט מִיךְ גֶע'הַרְגְ'עט אוּן גֶעשְׁלָאגְן אִין חֵדֶר, קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, - דֶער אִיד אִיז שׁוֹין הַיינְט אַן עֶלְטֶערֶער אִיד, דֶערְצֵיילְט עֶר מִיט בּוּשָׁה: אֵיינְמָאל הָאט מִיר מַיין מַאמֶע גֶענוּמֶען צוּם לְיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ פִּינְקְטְלִיךְ וואוּ אִיךְ בִּין דֶעמָאלְט גֶעשְׁטַאנֶען, אוּן דֶער לְיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי פְרֶעגְט מִיר: "**הָאסְט לִיבּ חֵדֶר?**" עֶנְטְפֶער אִיךְ: "**נֵיין!**" - "**הָאסְט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען?**" עֶנְטְפֶער אִיךְ: "**נֵיין!**" רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן צוּ מַיין מַאמֶע: "**עֶר אִיז אַן אֶמֶת קִינְד!**" - דֶערְצֵיילְט דֶער אִיד: "**דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ גֶעכַאפְּט; פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען כֹּחַ זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן, זַאכְן הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ וֶוערְן בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, אַלֶעס אַ דַאנְק דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרָאפְן אִין מִיר אַ גוּטֶע נְקוּדָה!**"

### עֶלְטֶערְן מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווּאוּסֶענְדִיג פוּן מְלַמְּדִים

יֶעצְט ווִיל אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְּדִים. מֶען הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶס זָאל יֶעצְט זַיין אַן אֲסִיפַת הַהוֹרִים בַּיי דִי אִינְגְלֶעךְ, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ ווּאוּ דִי מְלַמְּדִים טְרֶעפְן זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן - אִיז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. קֶען אַסַאךְ מָאל בַּאדֶערְן פַאר אַ מְלַמֵּד: 'אִיךְ זִיץ אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דַיין קִינְד, אִיךְ טְרֶעף דִיר יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן דוּ זָאגְסְט מִיר נִישְׁט קַיין אֵיין גוּט וָוארְט?! אוֹיבּ מָארְגְן גֵייט פַּאסִירְן אַז מֶען גֵייט אִיבֶּער לָאזְן דַיין קִינְד אוֹיפְ'ן בָּאס גֵייסְטוּ גְלַייךְ רוּפְן מִיט טַעֲנוֹת... אוּן דָאס אַז אִיךְ זִיץ שׁוֹין מִיט דַיין קִינְד דִי לֶעצְטֶע פִיר חֳדָשִׁים אוּן אִיךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף אִים, מַאכְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט ווּאוּסֶענְדִיג? דוּ זָאגְסְט מִיר נִישְׁט קַיין שְׁכּוֹחַ?!' - דָאס טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן פַאר אַ מְלַמֵּד, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְיָאגְט אַז זֵיי טְרַאכְטְן נִישְׁט אַרַיין זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען.

אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל צוּקוּמֶען צוּ דִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען, גֵיי דוּ צוּ צוּם טַאטֶע'ן אוּן זָאג אִים: "**דַיין זוּן אִיז זֵייעֶר ווּאוֹיל אִין חֵדֶר, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ גוּט קִינְד, זֵייעֶר אַ הַארְצִיג קִינְד, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אִים**". - אוּן אוֹיבּ אִיז דָא וָואס צוּ בַּאמֶערְקְן אוֹיפְ'ן קִינְד וֶועגְן דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶועט דָאס זַיין אַ פָּארְשְׁפֵּייז אוּן נָאכְדֶעם זָאג אִים: "**מֶען פְּרוּבִּירְט עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן וֶוען דֶער מְלַמֵּד רֶעדְט, לָאמִיר אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען, דוּ זָאלְסְט אִים אוֹיךְ זָאגְן אַז וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט - רֶעדְט מֶען נִישְׁט אַרַיין**".

מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אוֹיף אַ קִינְד וָואס פָּאלְגְט נִישְׁט אוּן אַנְעֶרְקֶענְט נִישְׁט דֶעם מְלַמֵּד אַלְס מְלַמֵּד, אַז "**אַלֶעס אִיז מוֹרָא'דִיג פֵיין**", בַּאלְד וֶוען עֶר וֶועט גֶעוואוֹיר וֶוערְן אַז מֶען הָאט גֶעדַארְפְט נֶעמֶען דָאס קִינְד אִין אַ זַייט אוּן בַּאשְׁטְרָאפְן וֶועגְן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צֶעטוּמְלְט, אֵיין מִינוּט זָאגְט מֶען מִיר אַז מַיין קִינְד אִיז מוֹרָא'דִיג, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען מִיר אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ...

### לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט

דֶער עִיקָר וָואס אִיךְ בֶּעט עֶנְק, טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס, לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישְׁקֵייט!

אִיךְ הַאנְדְל מִיט מֶענְטְשְׁן טָאג אוּן נַאכְט, מִיט בָּחוּרִים, מֵיידְלֶעךְ, אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבְּלֶעךְ - וָואס עֶס לִיגְט אִין זֵיי אַן אַיינְגֶעגֶעסֶענֶע שִׂנְאָה אוֹיף דִי אִידִישֶׁע וֶועג, אָפְּגֶערֶעדְט בַּיי פְּרוֹיעֶן זֶענֶען דָא פְּרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר פַארְדְרֵייְדְט מִיט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן. אַז מֶען זָאל פְרֶעגְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ: "**וָואס אִיז שֵׁיין? אָנְגֶעטוּן אָדֶער אוֹיסְגֶעטוּן?**" וֶועלְן אַלֶע עֶנְטְפֶערְן: "**זִיךְ אָנְטוּן מִיט אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד אִיז שֵׁיין, אוֹיסְגֶעטוּן אִיז נִישְׁט שֵׁיין!**" אָבֶּער אַז מֶען וֶועט פְרֶעגְן אַ מֵיידְל וָואס אִיז שׁוֹין אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיף דִי אִידִישֶׁע וֶועג וֶועט זִי עֶנְטְפֶערְן אַז דֶער גוֹי וָואס גֵייט אָנְגֶעטוּן נַאקֶעט אִיז שֵׁיין, זִי רֶעדְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ אַיין אַז דֶער גוֹי הָאט אַ לֶעבְּן.

מִיר דַארְפְן דָאס פְּרוּבִּירְן צוּרִיק צוּ דְרֵייעֶן, ווִי אַזוֹי? - דוּרְךְ רֶעדְן שֵׁיינֶערְהֵייט אַז דִי אִידִישֶׁע וֶועג אִיז שֵׁיין, זָאגְט פַאר דִי

קִינְדֶער: דִי אִידִישֶׁע וֶועג אִיז אַ שֵׁיינֶע וֶועג, אַ וֶועג פוּן לֶעבְּן, אִיךְ זָאג נִישְׁט קַיין לִיגְנְט, ווייל אִיךְ דִיר דֶען פַארְנַארְן?! וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן פַאר דֶעם אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ אִיד?! אִיךְ ווִיל נָאר אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ הָאבְּן דִי זִיסֶע לֶעבְּן, דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן!

לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַז אַ בָּארְד און פֵּיאוֹת אִיז שֵׁיין! - פוּן וואוּ וֵייס אִיךְ אַז אַ בָּארְד און פֵּיאוֹת אִיז שֵׁיין? - עֶס מוּז אַזוֹי זַיין, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל גֵיין דֶערְמִיט, קֶען נִישְׁט זַיין אַז אוֹיבּ מֶען נֶעמְט עֶס אַרָאפּ זָאל עֶס זַיין שֵׁיין! - אֵיי, אִין מַיינֶע אוֹיגְן אִיז עֶס נִישְׁט שֵׁיין? - דַארְפְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט לִיבּ הָאבְּן דָאס וָואס אִיז שֵׁיין אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס אוֹיגְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶפֶּעס אִיז אַרַיין בַּיי מִיר אִין קָאפּ אַ רוּחַ שְׁטוּת אַז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי דֶער גוֹי טָמֵא גֵיי אִיז שֵׁיין, הֶעלְף אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז 'שֵׁיין' אִיז דָאס וָואס אִיז בַּיי דִיר שֵׁיין"**.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ בְּרַחֲמִים, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט פוּן דֶער שְׁטֶעטְל אוֹיבּ דִי יוּגְנְט וַואקְסְט מִיר אוֹיף אָן לִיבּ הָאבְּן אִידִישְׁקֵייט, עֶס אִיז אַ שָׁאד מַיין אַרְבֶּעט, אַ שָׁאד מַיין הָארֶעוַואנְיֶע, אִיךְ קוּק אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס אוֹיף דִי נַייֶע דוֹר, עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ דוֹר פוּן קִינְדֶער וָואס זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קִינְדֶער וָואס זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קִינְדֶער וָואס זָאלְן זַיין אִיבֶּערְצֵייגְט אַז זֵיי זֶענֶען גוּט.

## עֶס לִיגְט אִין אוּנְזֶערֶע הֶענְט

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אִין קָאפּ אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר', און 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין צַדִיק', - עֶס מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס אִיז קְרוּם מִיט דִי חִינוּךְ אַז אַזֶעלְכֶע מַחְשָׁבוֹת זָאלְן הַאלְטְן אִין אֵיין אַרַיין קוּמֶען אִין קָאפּ, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אַרַיין בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם דִי זֶעלְבֶּע סָארְט מַחְשָׁבוֹת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר.

פַארְוָואס זָאל מֶען הָאבְּן אַזֶעלְכֶע מַחְשָׁבוֹת? פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט אַרוּם גֵיין מִיט אַ שִׂמְחָה אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ יָא', 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ' און 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס'?! - דָאס לִיגְט אִין אוּנְזֶערֶע הֶענְט; אִיךְ קוּק אַרוֹיס אוֹיף מַיינֶע מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס, מֶען זָאל אַרַיין לֵייגְן אַ רֵיינֶע חִינוּךְ אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דֶעם אַז 'אִיךְ בִּין גוּט, אִיךְ בִּין נִישְׁט שְׁלֶעכְט'!

## וָואס הֵייסְט אַ 'מְלַמֵד מוּמְחֶה'?

אִיךְ בֶּעט דֶער מְנַהֵל און מְנַהֶלֶת מֶען זָאל צוּזַאמְנֶעמֶען אֵיין מָאל אַ וָואךְ דִי מְלַמְדִים און לֶערֶערִינְס, רֶעדְן צוּ זֵיי שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער.

אַז אַ לֶערֶערִין גֵייט אַרוּם מִיט קַאמְפְּלֶעקְסְן צִי 'מֶען דַארְף מִיךְ יָא' אָדֶער 'מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט', 'אֶפְשָׁר וֶועט מֶען מִיךְ אַוֶועק שִׁיקְן פוּן שׁוּלֶע', - פַארְוָואס זָאל זִי זִיךְ פַּיינִיגְן? זִי קֶען אַרַיין גֵיין אִין אָפִּיס פְרֶעגְן דִי מְנַהֶלֶת צוּ זִי אִיז צוּפְרִידְן פוּן אִיר אַרְבֶּעט... - מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן מִיט קִינְדֶער אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט: 'אִיךְ בִּין נִישְׁט גוּט', 'אִיךְ טוֹיג נִישְׁט'.

דִי פְרִישֶׁע מְלַמְדִים זֶענֶען זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה מִיטְ'ן מְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר, זָאלְן זֵיי ווִיסְן אַז זַיין עֶרְשְׁטֶע יָאר אִין מְלַמְדוּת אִיז גֶעוֶוען שְׁוַואכֶער ווִי עֶנְקֶער עֶרְשְׁטֶע יָאר, אִיךְ זָאג עֶס אַלְס חִיזוּק מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְקוּקְן ווִי אַ דוּרְכְפַאל, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין אָנְהֵייבּ.

אֵיי, וֶועט אִיר זִיךְ וואוּנְדֶערְן ווִי אַזוֹי נֶעמְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף אַ פְרִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן אוֹיבּ אִין אָנְהֵייבּ מַאכְט מֶען טָעוּתִים? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מֶען קוּקְט אוֹיף מֶענְטְשׁ צִי עֶר הָאט אַ גוּט הַארְץ, צִי עֶס אִיז דָא אַבִּיסְל שֵׂכֶל, און אוֹיבּ עֶר ווִיל הֶערְן; אוֹיבּ אִיז דָא דִי דְרֵיי זַאכְן וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין.

וָואס הֵייסְט אַ 'מְלַמֵד מוּמְחֶה'? מֶען וֶועט נִישְׁט גֶעבּוֹירְן אַ מְלַמֵד מוּמְחֶה, מֶען וֶוערְט נִישְׁט גֶעבּוֹירְן אַ לֶערֶערִין מוּמְחִית... נָאר אוֹיבּ זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ הַארְץ, עֶר הָאט אַ גֶעפִיל פַאר אַ אִידִישׁ קִינְד. און עֶר הָאט אַבִּיסְל שֵׂכֶל; אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שֵׂכֶל אִיז נִישְׁט דָא צוּ וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זִיךְ נִישְׁט מִיט אַ נַאר, אִיךְ קֶען רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אָבֶּער זִיצְן מִיט אִים בַּיי אֵיין טִישׁ טָאג און נַאכְט - קֶען אִיךְ נִישְׁט. און עֶר הָאט אַן אוֹיעֶר, עֶר אִיז גְרֵייט צוּ הֶערְן וָואס צוּ טוּן, - דֶער קֶען וֶוערְן אַ מְלַמֵד.

## דִי כִּתָּה וֶוערְט קַארְבָּאן-דִיאַקְסֵייד

אַ מְלַמֵד דַארְף זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי פַאךְ פוּן מְלַמְדוּת, מֶען דַארְף קֶענֶען זַיין שְׁטְרֶענְג אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט זַיין נָאר שְׁטְרֶענְג, וַוייל בַּאלְד גֵייט אַרוֹיס דִי גַאנְצֶע לוּפְט פוּן כִּתָּה, עֶס וֶוערְט קַארְבָּאן-דִיאַקְסֵייד, אִין אָנְהֵייבּ אִיז מֶען שְׁטְרֶענְג, נָאכְדֶעם מוּז מֶען שׁוֹין מַאכְן אַבִּיסְל גֶעשְׁמַאק, און וֶוען מֶען פִּילְט אַז דִי קִינְדֶער וֶוערְן שׁוֹין אִינְגַאנְצְן לוֹיז, עֶס וֶוערְט אוֹיס כִּתָּה, דַארְף מֶען צוּרִיק וֶוערְן שְׁטְרֶענְג. אַזוֹי ווִי מֶען טוּט פַארְ'ן עֶסְן, אִינְדֶערְפְרִי צִיט מֶען אַיין דֶעם פַּאסִיק, פַאר מֶען גֵייט עֶסְן עֶפְנְט מֶען עֶס אוֹיף אַבִּיסְל, און מֶען לָאזְט עֶס נִישְׁט אַזוֹי פַאר אֵייבִּיג, מָארְגְן אָנְהֵייבּ טָאג מַאכְט מֶען צוּרִיק טֵייט דִי פַּאסִיק, נָאכְדֶעם עֶפְנְט מֶען עֶס צוּרִיק אוֹיף.

מֶען קֶען נִישְׁט זַיין נָאר שְׁטְרֶענְג, עֶס מוּז אוֹיךְ זַיין לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען. ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען עֶס זָאל זַיין שְׁטְרֶענְג און גֶעשְׁמַאק? אוֹיף דֶעם אִיז נָאר דִי עֵצָה פוּן 'תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת', מֶען גֵייט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן און מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַרַיין אִין כִּתָּה, אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, גֶעבּ מִיךְ שְׁטַארְקֵייט און גֶעבּ מִיךְ חֵן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר"**.

## וָואס זָאל מֶען רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער?

אוֹיךְ דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן זַאכְן וָואס זֵיי דַארְפְן נָאכְנִישְׁט הֶערְן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען מַאכְן קוּרְצֶע תְּפִלָּה אֵיידֶער מֶען גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר גֶעבּ מִיר רִיכְטִיגֶע דִיבּוּרִים אִיךְ זָאל נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁטוּתִים און נִישְׁט רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן זַאכְן וָואס זֵיי דַארְפְן נָאכְנִישְׁט הֶערְן"**.

דָאס וָואס אִיר הֶערְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט צוּ בָּחוּרִים - נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען רֶעדְן צוּ קִינְדֶער, צוּ דְרֵיי יֶערִיגֶע קִינְדֶער זָאגְט מֶען נִישְׁט: **"מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד חֲתוּנָה הָאבְּן"**... רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַאכְן וָואס אַלֶע זֶענֶען אֵיינִיג, פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, פוּן גוּטֶע מִדוֹת, פוּן מְוַותֵּר זַיין, דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס מֶען קֶען רֶעדְן צוּ אַלֶע יָארְגֶענְג.

וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, וֶוענְדְט זִיךְ שׁוֹין צוּ וֶועלְכֶע יָארְגַאנְג מֶען רֶעדְט, צוּ דְרֵיי פִיר פִינְף יֶערִיגֶע רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן קוּקְן מָאוִויס, צוּ עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער רֶעדְט מֶען שׁוֹין פוּן דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן קוּקְן מָאוִויס.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ דִי יוּנְגֶע זוֹיבֶּערֶע קִינְדֶער פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט צוּ זַיין אַ אִיד, ווִי גוּט עֶס אִיז צוּ זַיין אִיד, ווִי גֶעשְׁמַאק עֶס אִיז צוּ זַיין אַ אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה און סִייַעְתָּא דִשְׁמַיָּא.

## וָואס שְׁמוּעֶסְט מֶען בַּיים שַׁבָּת טִישׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בַּיי אַ שִׁיעוּר דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל רֶעדְן נַייעֶס בַּיים שַׁבָּת טִישׁ און אוֹיךְ מִלֵּי דִשְׁטוּתָא וְכַדוֹמֶה, נָאר מֶען זָאל זַיין שְׁטַארְק און גֶעדֶענְקֶען צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען דִי שְׁמוּעֶס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס מֵיינְט עֶס און וִוי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט"ו כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א): "כִּי אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי צָרִיךְ תָּמִיד לְהִסְתַּכֵּל בְּהַשֵּׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר וּלְקַשֵּׁר עַצְמוֹ אֶל הַחָכְמָה וְהַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר", אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט - דַארְף מֶען אוֹיפְזוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דֶעם, "כְּדֵי שֶׁיָּאִיר לוֹ הַשֵּׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר לְהִתְקָרֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל-יְדֵי אוֹתוֹ הַדָּבָר", וֶוען מֶען זֶעט עֶפֶּעס אַ זַאךְ דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אַ וֶועג צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ מֶען הֶערְט אַ שְׁמוּעֶס, אַ נַייעֶס וְכַדוֹמֶה, דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם רְמָזִים וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נב): "מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, וַאֲפִילוּ מִסִּפּוּרֵי הַגּוֹיִים צוֹעֵק גַּם כֵּן כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", פוּן יֶעדֶע זַאךְ זֶעט מֶען אַרוֹיס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ פוּן דִי נַייעֶס פוּן דִי אֻמּוֹת הָעוֹלָם - הֶערְט מֶען אוֹיךְ אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הֵייסְט, יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען הֶערְט אַ נַייעֶס - דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אַ וֶועג אִין לֶעבְּן.

אַ שַׁבָּת טִישׁ קוּמְט נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן נַייעֶס, אַ שַׁבָּת סְעוּדָה אִיז אַ צַייט וָואס דֶער טַאטֶע לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי תּוֹרָה, דָאס וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בַּיים שִׁיעוּר אַז מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן נַייעֶס בַּיים טִישׁ - דָאס אִיז נָאר אִין אַ פַאל וֶוען דִי קִינְדֶער ווילְן נִישְׁט הֶערְן קֵיין תּוֹרוֹת וְכוּ', דֶעמָאלְט זָאל מֶען זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט חָכְמָה, דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן נַייעֶס, און אִין דִי שְׁמוּעֶס לֵייגְט מֶען אַרַיין אַ וָוארְט דָא אַ וָוארְט דָארְט, פוּן אֱמוּנָה וְכוּ'.

יֶעצְט אַז עֶס הָאט פַּאסִירְט אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג, רוֹצְחִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען הַרְגְ'עֶנֶען אִידְן, זַיי הָאבְּן גֶע'הַרְגְ'עֶט אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער בָּחוּר מִיט אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מַאמֶע פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער ה' יִנְקֹם דָּמָם, וואוּ מֶען גֵייט און וואוּ מֶען שְׁטֵייט קָאכְט זִיךְ דִי נַייעֶס, קֶען מֶען מִיט דִי נַייעֶס מַאכְן אַ כְּלִי אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען לֵייגְט אַרַיין אִינְמִיטְן פוּנֶעם שְׁמוּעֶס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, אַז פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאל מֶען לֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה און בֶּעטְן אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ, בְּרֶענְג מִיךְ צוּרִיק אַהֵיים גֶעזוּנְטֶערְהֵייט"**, און וֶוען מֶען קוּמְט אָן אַהֵיים - זָאל מֶען לֵייגְן דִי הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה און זָאגְן: **"יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין צוּרִיק אַהֵיים בְּשָׁלוֹם"**.

מֶען קֶען אַרַיינְלֵייגְן אִינֶעם שְׁמוּעֶס אַז מִיר זֶענֶען אִין גָּלוּת, "עֵשָׂו שׂוֹנֵא לְיַעֲקֹב" (סִפְרִי פַּרְשַׁת בְּהַעֲלֹתְךָ, פִּיסְקָא יא), דִי גוֹיִם הָאבְּן אוּנְז פַיינְט; מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן קֵיין אֵיין רֶגַע אַז דִי גוֹיִם זֶענֶען אוּנְזֶערֶע פְרַיינְט און אַזוֹי וַוייטֶער, מֶען דֶערְצֵיילְט דִי נִיסִים און חֲסָדִים וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען אִינֶעם צָרָה און אַזוֹי וַוייטֶער.

בְּנוֹגֵעַ מִילְתָא דִשְׁטוּתָא; דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, נְפִילַת אַפַּיִם ד, ה): "עֶס הָאט אַ פָּנִים אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ נָאר אַז מֶען מַאכְט זִיךְ נַארִישׁ"; דָאס קֶען מֶען מְקַיֵּם זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, מֶען מַאכְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, מֶען טוּט אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ח', מכתב תתכא)

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן נַייעֶס און פָּאלִיטִיק?

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס הָאט מִיר אַלֶעמָאל שְׁטַארְק גֶעצוֹיגְן מִיטְצוּהַאלְטְן נַייעֶס, סְפֶּעצִיעֶל אַמֶערִיקַאנֶע פָּאלִיטִיק, אָבֶּער סְפֶּעצִיעֶל דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר וֶוען דִי נַייעֶס קָאכְט אַזוֹי שְׁטַארְק יֶעדְן טָאג, צִיעֶט עֶס מִיר נָאךְ אַסַאךְ מֶער.

אִיךְ קוּם שַׁבָּת אִין שׁוּל, און יֶעדֶער רֶעדְט נָאר פוּן דִי נַייעֶס און פָּאלִיטִיק, און אִיךְ וֶוער אוֹיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין דִי שְׁמוּעֶסְן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אָבֶּער נָאכְדֶעם פוּן מִיר אַלֵיין אַז עֶס אִיז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין בֶּעסֶערֶע דַאגוֹת נָאר צוּ רֶעדְן אִיבֶּער נַארִישֶׁע פָּאלִיטִיק.

וָואס אִיז דִי עֵצָה זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען פוּן זַיין פַארְנוּמֶען אַזוֹיפִיל מִיטְ'ן הֶערְן און לֵיינֶען דִי נַייעֶס, סַיי אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, און סַיי אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וָואךְ? אִיךְ ווייס אַז עֶס פַארְבְּרֶענְט מִיר אַזוֹיפִיל טֵייעֶרֶע שָׁעוֹת יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּ מֶען גֵייט און וואוּ מֶען שְׁטֵייט זֶעט מֶען וִוי מֶענְטְשְׁן קָאכְן זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק, אַ טֵייל פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְ'ן גֶעוִוינְס פוּנֶעם נַייעֶם פְּרֶעזִידֶענְט און אַ טֵייל בֵּייזֶערְן זִיךְ; פְרֶעג דִי וָואס פְרֵייעֶן זִיךְ: 'מִיט וָואס פְרֵייסְטוּ זִיךְ? וָואס הָאט דָאס מִיט דִיר?' און פְרֶעג דִי וָואס בֵּייזֶערְן זִיךְ אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט הָאט פַארְלוֹירְן: 'וָואס גֵייט דִיר עֶס אָן? וָואס אִיז דָאס נוֹגֵעַ פַאר דִיר?' קֵיינֶער פוּן זֵיי וֶועט נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, וַוייל דִי גַאנְצֶע פָּאלִיטִיק, פַארְוֶועם מֶען זָאל שְׁטִימֶען, ווער עֶס גֵייט גֶעוִוינֶען, וֶוער עֶס הָאט גֶעוִוינֶען - אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן.

וֵוייניג מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענֶען דִי צַייט פוּן לֶעבְּן מִיט זַאכְן וָואס גֶעבְּט נִישְׁט צוּ פַארְ'ן לֶעבְּן; מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי מָאנְט פוּן אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; וֶוען מֶען טְרַאכְט אַרַיין זֶעט מֶען אַז דִי טֶעג פוּנֶעם לֶעבְּן פְלִיעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי אַ שָׁאטְן, "כַּצֵּל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה" (דִּבְרֵי הַיָּמִים-א כט, טו), זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): "הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף", הַלְוַאי זָאלְן אוּנְזֶערֶע טֶעג זַיין אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט וָואס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט ווילַאנְג עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, אָדֶער וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִיטְאַמָאל וִוי אַזַא שָׁאטְן, דָאס לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזֶען וִוי רֶבִּי נָתָן רֶעדְט דִיבּוּרֵי הִתְחַזְּקוּת מִיט אַ קִינְד, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אַ קִינְד, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט מִיט אַ נִיגוּן: "אָט אִיז מֶען אַ אִינְגְל, אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אָט אִיז מֶען אַ אִינְגֶערְמַאן, אָט אִיז מֶען אַן אַלְטֶער אִיד און אָט פִירְט מֶען שׁוֹין צוּם אֵייבִּיגְן אָרְט - צוּם בֵּית הַחַיִּים"; יֶעדֶע פָאר יָאר קוּמְט פְרִישֶׁע וַואלְן, מֶען קָאכְט זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק, מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶערְוַוייל גֵייעֶן אַרִיבֶּער דִי יָארְן און עֶס

בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּן דֶעם, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם.

אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס קָאכְן זִיךְ אִין פָּאלִיטִיק; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ו): ״הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ״, דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן מִיט אַ פַארְמַאכְט הַאנְט, עֶר פָּאפְּט אוֹיס אַלֶעמֶען אוּן פְרֶעגְט זֵיי: ״וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?״ אוּן פַאר יֶעדֶעם דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר ווִיל, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ וַוייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס מֶען ווִיל, ״וְאַחַר כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם״, בַּיים עֶנְדֶע עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט, אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיטְ׳ן יֵצֶר הָרָע, ״כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד״, עֶר רֶעדְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אִים נָאכְלוֹיפְן וַוייל אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע תַּאֲווֹת, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן דֶערְזֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט, עֶר אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּמְזִיסְט.

גֵיי אַרוֹיס פוּן דִי דִמְיוֹנוֹת פוּן פָּאלִיטִיק, בִּפְרַט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ; שַׁבָּת אִיז נִישְׁט אַ צַייט פוּן פָּאלִיטִיק, שַׁבָּת אִיז אַ טָאג פוּן נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ וַיַּקְהֵל, רה:) ״הַאי יוֹמָא, יוֹמָא דְנִשְׁמָתִין הוּא וְלָא יוֹמָא דְגוּפָא״, שַׁבָּת אִיז אַ טָאג פַאר דִי נְשָׁמָה, נִישְׁט פַארְ׳ן גוּף, שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן לְיוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק א) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלט, טז): ״יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם״ - דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, ״אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שִׁשָּׁה יָמִים״, אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, ״יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כּוּלּוֹ תּוֹרָה״, זָאל מֶען שַׁבָּת אוֹיסְנוּצְן מִיט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, ״מִכָּאן אָמְרוּ: לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים״, דֶערְפַאר זָאל אַ מֶענְטְשׁ אוֹיפְשְׁטֵיין שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אוּן גֵיין אִין שׁוּל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, ״וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה״, אוּן נָאכְדֶעם אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, ״לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד״, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת רוּחַ נָאר פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. ״מִכָּאן אָמְרוּ: שֶׁיִּקְרָא אָדָם כְּדֵי שֶׁלֹּא תַּשִּׂיגֶנּוּ בּוּשָׁה וּכְלִימָּה בְּשָׁעָה שֶׁאוֹמְרִים לוֹ: ׳עֲמֹד וַעֲרֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ׳, ׳עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנֶה שֶׁשָּׁנִיתָ׳״, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֶען צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פְרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ: ״הֵייבּ אָן זָאגְן חוּמָשׁ וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, הֵייבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט״, ווִי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי בּוּשָׁה אַז מֶען וֶועט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין מִיט אַן אָפֶּענֶעם מוֹיל אוּן מֶען וֶועט נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן חִינוּךְ הַיְלָדִים, אַנְשְׁטָאט שְׁטֵיין אִין שׁוּל רֶעדְן מִיט חֲבֵרִים פָּאלִיטִיק - גֵיי אַהֵיים מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מַאכְן דִי סְעוּדָה. פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאכְן דַאוֶוענֶען קוּמֶען מַלְאָכִים אוּן זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶעם מֶענְטְשׁ בִּיזְן שְׁטוּבּ (שַׁבָּת קיט:), עֶס אִיז נִישְׁט קַיין כָּבוֹד צוּ לָאזְן דִי מַלְאָכִים וַוארְטְן בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט שְׁמוּעֶסְן, מֶען דַארְף גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳עֶנְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רעא, סְעִיף א): ״כְּשֶׁיָּבֹא לְבֵיתוֹ יְמַהֵר לֶאֱכֹל מִיַּד״, מֶען דַארְף גְלַייךְ אַהֵיים גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה; פוּן דִי אַלֶע שְׁמוּעֶסֶעלֶעךְ בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער, אַנְשְׁטָאט שְׁמוּעֶסְן אִין שׁוּל פָּאלִיטִיק, גֵיי אַהֵיים אוּן שְׁמוּעֶס מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פוּן דִי פַּרְשָׁה, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים אוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה.

ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט קַיין שׁוּם פָּאלִיטִיק; עֶר לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית; דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת חיי שרה, תשפ״א)

## רֶעד מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וֶועלְן זֵיי זַיין גֶעזוּנְט אוּן רוּאִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַמְּלַמֵּד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מַסֶּכֶת כַּלָּה רַבָּתִי, פֶּרֶק ב): ״בְּכָל יוֹם מַלְאָךְ יוֹצֵא מִלִּפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְחַבֵּל אֶת הָעוֹלָם״, יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן ווִיל חָרוּב מַאכְן דִי וֶועלְט, ״כֵּיוָן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בְּתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, מִיָּד נֶהְפַּךְ כַּעֲסוֹ לְרַחֲמִים״, אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט ווִי דִי קִינְדֶער, דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - לָאזְט עֶר נִישְׁט דֶעם מַלְאָךְ זָאל חָרוּב מַאכְן; זֶעט מֶען אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

רֶעד מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, וֶועלְן זֵיי וֶוערְן גֶעזוּנְט אִין אַלֶע בְּחִינוֹת. ווִי מֶער דֶער מְלַמֵּד רֶעדְט אוּן שְׁמוּעֶסְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, מַעֲשִׂיוֹת פוּן אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן - וֶוערְט אִין כִּתָּה אַ רוּאִיגֶע לוּפְט, אַ זִיסֶע לוּפְט; דִי קִינְדֶער ווִילְן קוּמֶען אִין חֵדֶר, זֵיי וַוארְטְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען אִין חֵדֶר.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ קֶענֶען מְלַמְּדִים זֶען; דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אַסַאךְ אֱמוּנָה - זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּחָדִים, זֵיי דַארְפְן נִישְׁט דִי טִפּוּלִים פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, דִי קִינְדֶער זֶענֶען פְרֵיילִיכֶע קִינְדֶער, עֶס פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, אוּן דִי וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וואוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - דִי דַארְפְן הָאבְּן טֶערֶעפִּי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת אמור 298, תשפ״ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876